# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קלו**

**פרשת תרומה**

בענין

**קושית המפרשים על דברי רש"י שתחש מין חיה היתה - הרי בגמרא שבת מבואר שלא הכריעו חכמים אם מין חיה היה או מין בהמה**

**וְעֹרֹת אֵלִם מְאָדָּמִים וְעֹרֹת תְּחָשִׁים וַעֲצֵי שִׁטִּים:** (שמות כה, ה)

## דברי רש"י

**רש"י** דא אויף דער פסוק איז מפרש וואס איז דער 'עורות תחשים', וזה לשונו: **מין חיה, ולא היתה אלא לשעה והרבה גוונים היו לה, לכך מתרגם ססגונא, ששש ומתפאר בגוונין שלו** - פירוש: דער תחשים איז געווען א 'מין חיה', און עס איז נאר געווען אין די צייטן ווען מען האט געבויעט די משכן, און שפעטער איז עס מער נישט געווען, און עס האט געהאט אויף זיך שיינע קאלירן, מיט וואס דער תחש האט זיך בארומט מיט דעם.

## קושית המפרשים על רש"י

די **מפרשים** פרעגן זייער א שטארקע קשיא אויף דעם וואס רש"י שרייבט אז דער תחש איז געווען א 'מין חיה'.

די מקור פון דער רש"י איז א **גמרא** אין **מסכת שבת** (כח, ב), וזה הלשון שם: **אמר רבי אלעא אמר רבי שמעון בן לקיש, אומר היה רבי מאיר, תחש שהיה בימי משה בריה בפני עצמה היה, ולא הכריעו בה חכמים אם מין חיה הוא אם מין בהמה הוא, וקרן אחת היתה לו במצחו, ולפי שעה נזדמן לו למשה, ועשה ממנו משכן ונגנז** - פירוש: רבי מאיר האט געזאגט, אז דער 'תחש' וואס איז געווען בימי משה בשעת'ן בויען די משכן, איז געווען א 'בריה בפני עצמה', און די חכמים האבן נישט מכריע געווען צו דער תחש איז געווען א 'מין חיה' אדער א 'מין בהמה', און דער תחש האט געהאט איין 'קרן' אויף זיין שטערן, און עס איז באשאפען געווארען ספיציעל אין די דור פון משה בשעת מען האט געבויעט די משכן, און נאכן ענדיגן בויען די משכן איז מער נישט דא דער חיה.

און די גמרא איז ממשיך און זאגט: **מדקאמר קרן אחת היתה לו במצחו - שמע מינה טהור היה, דאמר רב יהודה: שור שהקריב אדם הראשון קרן אחת היתה לו במצחו, שנאמר** (תהלים סט, לב) **וְתִיטַב לַה' מִשּׁוֹר פָּר מַקְרִן מַפְרִיס** - פירוש: די גמרא איז דארט פושט אז דער מין 'תחש' איז געווען א טהור'ע מין, פון דעם וואס מען זעהט אז דער תחש האט געהאט א 'קרן', און די כלל איז אז איינער פון סימני טהרה איז אז עס האט הערנער (עי' משנה נדה נא, ב). און אפילו ווען עס האט 'איין קרן' איז עס אויך טהור, אזוי ווי מען זעהט אז אדם הראשון האט מקריב געווען א קרבן א שור וואס האט געהאט איין 'קרן', זעהט מען פון דעם אז איין קרן איז אויך מסימני טהרה. איז פון דעם א ראיה אז דער תחש איז געווען א מין טהור.

קומט די גמרא ווייטער און פרעגט: **וליפשוט מיניה דמין בהמה הוא** - פירוש: פארוואס זאגט רבי מאיר אז 'לא הכריעו בה חכמים' צו דער תחש איז א מין חיה אדער א מין בהמה, לכאורה, פון דעם וואס מען זעהט אז אדם הראשון האט מקריב אזא סארט בהמה וואס האט געהאט איין קרן, איז לכאורה דער תחש וואס האט אויך געהאט נאר איין קרן - אויך פון די משפחה פון 'בהמה', איז זיי פושט פון דעם, אז דער תחש איז געווען א מין בהמה, און נישט קיין מין חיה?

ענטפערט די גמרא: **כיון דאיכא קרש דמין חיה הוא, ולית ליה אלא חדא קרן - איכא למימר מין חיה הוא** - פירוש: מען טרעפט אז עס איז דא א מין חיה וואס הייסט 'קרש', וואס דער חיה האט אויך נאר איין קרן, איז וועגן דעם איז שוין נישט קיין ראיה פון אדם הראשון אז דער תחש איז געווען א 'מין בהמה', ווייל מען טרעפט אויך ביי חיות אזא סארט מין וואס האט איין קרן. איז וועגן דעם בלייבט נאך אלץ דער ספק וואס די חכמים האבן געהאט, צו דער תחש איז געווען א מין בהמה אדער א מין חיה.
עד כאן סוגית הגמרא במסכת שבת.

קומען די מפרשים און פרעגן אויף אינזער רש"י, ווי אזוי שרייבט רש"י מיט א פשטות אז דער תחש איז געווען א 'מין חיה', אין די גמרא אין מסכת שבת שטייט דאך קלאר: 'ולא הכריעו בה חכמים אם מין חיה הוא אם מין בהמה הוא'?

## תירוצו של המים יחזקאל

די גרויסע גאון און רבן של ישראל **רבי יחזקאל קצנלבוגן זצ"ל** (הנודע בספרו שו"ת כנסת יחזקאל, ורב של ג' קהילות אה"ו - אלטונא המבורג ונדסבק) אין זיין ספר **מים יחזקאל** על התורה שרייבט זייער א שיינע תירוץ אויף דער קשיא, און ווי ער שרייבט: **ברש"י - תחש מין חיה היה, "הקושיה מפורסמת" הא בפרק ב' דשבת, אמר רבי מאיר לא הכריעו חכמים אם מין חיה היא אם מין בהמה, ואיך מכריע רש"י.**

שרייבט רבי יחזקאל: **לתרץ אקדים מה שכתב רש"י** (כו, יד) **וְעָשִׂיתָ מִכְסֶה לָאֹהֶל עֹרֹת אֵילִם מְאָדָּמִים וּמִכְסֵה עֹרֹת תְּחָשִׁים מִלְמָעְלָה, רבי נחמיה אומר שני מכסאות היה אחד של עורות אילים, ואחד של עורות תחשים, ורבי יהודה אומר מכסה אחד היה חציו של עורות אילים וחציו של עורות תחשים** - פירוש: אין פסוק שטייט, אז די אייבישטער האט באפוילן: **וְעָשִׂיתָ מִכְסֶה לָאֹהֶל** - מען זאל מאכן א צודעק אויף די 'אהל', דהיינו אויף די יריעות העזים וואס איז געווען אויף די משכן, וואס די יריעות עיזים ווערן אנגערופען 'אוהל'. און דעס זאל מען מאכן פון: **עֹרֹת אֵילִם מְאָדָּמִים** - הויט וואס קומט פון אילים, און מען זאל פארבן די עורות - רויט, און אזוי אויך זאל זיין דער 'מכס לאוהל': **וּמִכְסֵה עֹרֹת תְּחָשִׁים מִלְמָעְלָה** - דהיינו פון הויט וואס קומט פון דער תחש.

און **רש"י** דארט אויפ'ן פלאץ ברענגט אראפ א מחלוקת וואס עס שטייט אין **מסכת שבת** (כח, א) ציווישן רבי נחמיה און רבי יהודה ווי אזוי דער 'מכסה לאוהל' איז געווען. **רבי נחמיה** האלט אז דער 'מכסה לאהל' איז געווען צוויי יריעות, איינס פון 'עורות אלים מאדמים', און אויף דעם איז געווען נאך א יריעה וואס איז געווען געמאכט פון די 'עורות תחשים'. און **רבי יהודה** האלט אז די 'מכסה לאהל' איז געווען איין יריעה האלב איז געווען געמאכט פון 'עורות עלים מאדמים', און האלב איז געווען געמאכט פון 'עורות תחשים'.

שרייבט רבי יחזקאל ווייטער: **והנה לרבי יהודה - ודאי אין לומר דתחש מין שור, דהא בכל מקום מקדים בקר לצאן, אלא על כרחך דתחש מין חיה, ולכך מקדים אילים לתחשים דכך דרך הקרא להקדים בהמה לחיה, אבל לרבי נחמיה דקאמר ב' מכסאות היה של עורות אילים הוא מכסה התחתון למשכן ולמעלה ממנו מכסה עורות תחשים, יש לומר מלמטה למעלה קחשיב, ואם כן אין להכריע אם תחש מין בהמה או מין חיה** - פירוש: די סדר אין די גאנצע תורה, ווי די תורה שרייבט עניני בקר וצאן, איז איז די תורה מקדים צו שרייבן קודם בקר און נאכדעם צאן, דהיינו די פסוק שרייבט קודם די מין 'בקר', און נאר נאכדעם 'צאן' (עי' שמות ט, ג; ויקרא כז, לב; במדבר כב, ב; דברים יד, כו; ועוד), איז לכאורה קען מען פושט זיין אז דער 'תחש' איז געווען א מין חיה אין נישט קיין בהמה. ווייל לפי די צד אז דער תחש איז א מין בהמה, איז דער תחש געווען א סארט שור, וואס גייט אריין אין די מיני 'בקר', און לכאורה וואלט עס געדארפט שטיין דא אין פסוק פאר די פסוק שרייבט 'עורות אילים', ווייל די אילים איז דאך ממיני צאן, און די תורה איז אייביג מקדים צו שרייבן 'בקר' פאר 'צאן', אלא על כרחך דארף מען זאגן אז די 'תחש' איז א מין חיה, און די סדר פון די תורה איז אייביג צו מקדים זיין דער מין בהמה פאר דער מין חיה.

אבער דעס איז נאר גוט לשיטת רבי יהודה וואס האלט אז דער 'מכסה לאהל' איז געווען איין יריעה, און האלב איז געווען געמאכט פון עורות אילים און האלב איז געווען געמאכט פון עורות תחש. מה שאין כן לשיטת רבי נחמיה, קען מען נישט מדייק זיין פון דער פסוק אז דער תחש איז א מין חיה. און די טעם איז, וויבאלד לויט רבי נחמיה קען מען זאגן פשוט אז די פסוק כאפט אן קודם 'עורות אילים' ווייל דער מכסה איז געווען די ערשטע מכסה אויף דער 'אוהל', און אויף דעם איז געווען די מכסה פון עורות תחש, און די פסוק כאפט אן די סדר פון די מכסות, און מען קען נישט מדייק זיין פון דעם צו דער תחש איז געווען א מין חיה אדער א מין חיה.

לסיכום: לויט רבי יהודה, איז מוכח פון דער פסוק 'וְעָשִׂיתָ מִכְסֶה לָאֹהֶל עֹרֹת אֵילִם מְאָדָּמִים וּמִכְסֵה עֹרֹת תְּחָשִׁים מִלְמָעְלָה' אז דער תחש איז מין חיה, אבער לויט רבי נחמיה איז נאך אלץ דא דער ספק און מען האט נישט מכריע געווען צו דער תחש איז א מין חיה אדער בהמה.

זאגט דער מים יחזקאל ווייטער: **וידוע בגמרא** (עירובין יג, ב) **דרבי נחמיה הוא רבי מאיר, אם כן רבי מאיר אזיל לטעמיה דסבירא ליה שני מכסאות היה, ולהכי קאמר לא הכריעו חכמים וכו', אבל רש"י כתב אליבא דרבי יהודה, דהלכה כרבי יהודה - רבי מאיר ורבי יהודה הלכה כרבי יהודה, ולרבי יהודה דאמר מכסה אחד היה על כרחך תחש מין חיה, מדמקדים אילים לתחשים, ואם כן צדקו דברי רש"י** - פירוש: אין **גמרא מסכת עירובין** (יג, ב) שטייט: **תנא, לא רבי מאיר שמו, אלא רבי נהוראי שמו, ולמה נקרא שמו רבי מאיר שהוא מאיר עיני חכמים בהלכה** - די תנא רבי מאיר, האט נישט געהייסן עכט רבי מאיר, נאר זיין נאמען איז געווען 'רבי נהוראי', און מען האט אים גערופען רבי מאיר, וויבאלד ער האט 'מאיר' געווען די אויגן פון די חכמים בהלכה, זאגט די גמרא ווייטער: **ולא נהוראי שמו, אלא רבי נחמיה שמו, ולמה נקרא שמו נהוראי, שהיה מנהיר עיני חכמים בהלכה** - פירוש: די אמת איז, אז די אמת'ע נאמען פון רבי מאיר איז געווען 'רבי נחמיה', און דעס וואס מען האט אים אויך גערופען 'רבי נוהראי', איז וויבאלד ער האט 'מנהיר' [באלייכט] געווען די אויגן פון די חכמים בהלכה.

לפי זה זאגט רבי יחזקאל, אז רבי נחמיה וואס דעס איז רבי מאיר, גייט לשיטתו, דהיינו פון דעם וואס ער האלט אז עס אז געווען צוויי יריעות, און אויב אזוי קען מען נישט ארויסלערען פון דער פסוק אז דער תחש איז געווען א מין חיה, און לשיטתו בלייבט עס נאך אלץ א ספק, און וועגן דעם זאגט ער אין מסכת שבת אז

'לא הכריעו בה חכמים אם מין חיה הוא אם מין בהמה הוא', מה שאין כן לויט רבי יהודה קען מען יא ארויס לערנען פון דער פסוק אז דער חתש איז געווען א מין חיה, און וויבאלד די כלל (עי' עירובין מו, ב) איז אז ביי א מחלוקת צווישען רבי מאיר און רבי יהודה, איז די הלכה ווי רבי יהודה, וועגן דעם האט רש"י געשריבן אז דער תחש איז געווען א מין חיה, ווייל לויט רבי יהודה איז מוכח פון דער פסוק פון 'מכסה לאוהל', אז דער תחש איז געווען א מין בהמה. כפתור ופרח!

## תירוצו של הנמוקי הגרי"ב

דער גאון **רבי יהודה בכרך זצ"ל** אין זיינע הגהות **נמוקי הגרי"ב** (נדפס בסוף ש"ס ווילנא) אין מסכת שבת, שרייבט א שיינע מהלך צו פארענטפערן שיטת רש"י, און ער איז מקדים מיט א קשיא, אז אין די גמרא אין מסכת שבת איז משמע אז דער קרבן וואס אדם הראשון האט מקריב געווען האט געהאט נאר איין קרן, אבער אין די גמרא אין מסכת עבודה זרה איז משמע אז עס האט געהאט צוויי קרנות, אזוי ווי די גמרא זאגט דארט: **תנו רבנן, יום שנברא בו אדם הראשון, כיון ששקעה עליו חמה, אמר: אוי לי, שבשביל שסרחתי עולם חשוך בעדי ויחזור עולם לתוהו ובוהו, וזו היא מיתה שנקנסה עלי מן השמים, היה יושב בתענית ובוכה כל הלילה וחוה בוכה כנגדו, כיון שעלה עמוד השחר, אמר: מנהגו של עולם הוא, עמד והקריב שור שקרניו קודמין לפרסותיו, שנאמר: וְתִיטַב לַה' מִשּׁוֹר פָּר מַקְרִן מַפְרִיס** - פירוש: אין דער טאג וואס אדם הראשון איז געבוירן געווארען, בשעת עס איז געווארען ביינאכט, און די זון איז אינטער געגאנגען, האט אדם הראשון זיך דערשראקען, און ער האט געזאגט אז עס ווערט טינקעל וויבאלד ער האט געזונדיגט יענער טאג מיט די חטא פון די עץ הדעת, און וועגן דעם גייט די וועלט אינטערגיין, און אדם הראשון האט אנגעהויבן צו פאסטן און תשובה טוהן, און די נעקסטע אינדערפרי ווען די זון האט אויפגעשיינט האט ער געזעהן אז דעס וואס די זין גייט אינטער אין שיינט צוריק אויף איז 'מנהגו של עולם', און ער האט מקריב געווען א קרבן פון א שור 'שקרניו קודמין לפרסותיו', דהיינו א שור וואס די אייבישטער האט באשאפען בששת ימי בראשית. עד כאן סוגית הגמרא. זאגט רבי יהודה בכרך אז פון דער גמרא אין מסכת עבודה זרה איז משמע אז דער שור פון אדם הראשון האט געהאט צוויי קרנות, אזוי ווי די גמרא שרייבט 'קרניו' לשון רבים?

ענטפערט רבי יהודה בכרך, בהקדם מיט וואס די גמרא אין מסכת שבת פרעגט אויף דעם וואס רב יהודה זאגט 'שור שהקריב אדם הראשון קרן אחת היתה לו במצחו, שנאמר (תהלים סט, לב) וְתִיטַב לַה' מִשּׁוֹר פָּר מַקְרִן מַפְרִיס', פרעגט די גמרא: **'מקרין' תרתי משמע** - פירוש: פון ווי ווייסט רב יהודה אז דער שור של אדם הראשון האט נאר געהאט איין קרן, אין פסוק שטייט דאך 'מַקְרִן' וואס איז א לשון רבים. ענטפערט די גמרא: **אמר רב נחמן בר יצחק 'מרקן כתיב'** - פירוש: דער ווארט 'מַקְרִן' שטייט אן קיין יו"ד, און מען קען עס ליינען: מַקְרָן, דהיינו בלשון היחיד, איז פון דא זעהט מען אז דער שור של אדם הראשון האט געהאט נאר איין קרן.

לפי זה זאגט דער נמוקי הגרי"ב, אז די גמרא אין מסכת עבודה זרה אין מסכת שבת, קריגן זיך צו 'יש אם למסורת', אדער 'יש אם למקרא', דהיינו די גמרא אין מסכת שבת, וואס זאגט אז דער שור של אדם הראשון האט נאר געהאט איין קרן, האלט אז 'יש אם למסורת', און וויבאלד די מסורת פון די ווארט מַקְרִן שטייט אן קיין יו"ד, זאגט מען אז די שור של אדם הראשון האט געהאט נאר איין קרן, און די גמרא אין מסכת עבודה זרה האלט אז 'יש אם למקרא' און וויבאלד מען ליינט די ווארט מַקְרִין מיט א יו"ד, וואס מיינט צוויי קרנות, וועגן דעם זאגט די גרמא 'שור שקרניו קודמין לפרסותיו'.

זאגט רבי יהודה בכרך, לפי זה קומט אויס ווען די גמרא פרעגט און מסכת שבת (הובא למעלה) 'וליפשוט מיניה דמין בהמה הוא', און די גמרא ענטפערט 'כיון דאיכא קרש דמין חיה הוא ולית ליה אלא חדא קרן איכא למימר מין חיה הוא', דעס וועט נאר גיין למאן דאמר וואס האלט 'יש אם למסורת', וואס לויט אים איז דא א מין בהמה וואס האט איין קרן, דהיינו די שור של אדם הראשון, און אזוי אויך איז דא א מין חיה וואס האט איין קרן, דהיינו די קרש, און וועגן דעם קען מען נישט פושט זיין אז דער תחש 'וואס האט אויך נאר איין קרן', איז א מין בהמה אדער א מין חיה. אבער לויט די מאן דאמר וואס האלט 'יש אם למקרא' און לפי זה האט דער שור של אדם הראשון געהאט צוויי קרנות, קען מען פושט זיין אז די תחש איז געווען א מין חיה, וויבאלד עס איז דא נאר איין סארט אויף דער וועלט וואס האט איין קרן [חוץ דער תחש] און דעס איז דער 'קרש' און דער קרש איז דאך א מין חיה, און אויב אזוי וועט מען זאגן אז דער תחש וואס האט געהאט איין קרן איז אויך א מין חיה.

פיהרט די נמוקי הגרי"ב אויס זיין הפלא'דיגע תירוץ: **והנה רש"י בפרשת בא על פסוק בבית אחד יאכל, פירוש שם, דאינו נאכל בב' חבורות וכמו שתרגם אונקלוס בחבורתא חדא, והיינו כרבי שמעון בפסחים פו, ב, דדריש יש אם למקרא, ואם כן לדידיה מקרין תרתי משמע, ואם כן שפיר יש לפשוט ולהכריע דתחש מין חיה היא, ואתי דברי רש"י מאד לשיטתו** - פירוש: שטייט אין **מסכת פסחים** (פו, א-ב) אין די משנה, אז **'פסח נאכל בשתי חבורות'**, דהיינו א חבורה אחת וואס האט זיך ממנה געווען אויף איין קרבן פסח, מעגן זיך בשעת די אכילה צוטיילן צו צוויי חבורות, אבער **'האוכל אינו רשאי לאכלו בשני מקומות'**, דהיינו יעדער דארף עסן זיין קרבן פסח ביי זיין חבורה און טאר עסן אויף צוויי פלעצער, זאגט דארט די גמרא: **מתניתין מני** - ווי וועם גייט אינזער משנה? זאגט די גמרא: **רבי יהודה היא** - עס גייט אזוי ווי שיטת רבי יהודה, **דתניא** - ווייל מען האט געלערנט אין א ברייתא: עס שטייט אין פסוק (שמות יב, ז) וְלָקְחוּ מִן הַדָּם וְנָתְנוּ עַל שְׁתֵּי הַמְּזוּזֹת וְעַל הַמַּשְׁקוֹף **עַל הַבָּתִּים אֲשֶׁר יֹאכְלוּ אֹתוֹ בָּהֶם - מלמד שהפסח נאכל בשתי חבורות** - פון דעם וואס די פסוק שרייבט 'על הבתים אשר יאכלו אותו בהם', לערנט מען ארויס אז מען קען צעטיילן איין קרבן פסח אויף צוויי קבוצות, זאגט רבי יהודה ווייטער: **יכול יהא האוכל אוכל בשתי**

**מקומות** - פירוש: איך וואלט געמיינט וויבאלד עס שטייט 'על הבתים וכו', זאל מען איינער מעגן עסן איין קרבן פסח אויף צוויי פלעצער? **תלמוד לומר** - ווענן דעם שטייט אין פסוק (שמות יב, מו) **בְּבַיִת אֶחָד יֵאָכֵל** - וואס פון דעם לערנט מען ארויס אז א מענטש דארף עסן די קרבן פסח אויף איין פלאץ, און מעג נישט עסן אויף צוויי פלעצער, **דברי רבי יהודה** - אזוי האלט רבי יהודה. **רבי שמעון אומר** - רבי שמעון קריגט זיך אויף רבי יהודה און זאגט, פון דער פסוק: **עַל הַבָּתִּים אֲשֶׁר יֹאכְלוּ אֹתוֹ בָּהֶם - מלמד שהאוכל אוכל בשתי מקומות** - לערנט מען ארויס אז א מענטש מעג עסן זיין קרבן פסח אויף צוויי פלעצער, **יכול יהא נאכל בשתי חבורות - תלמוד לומר בְּבַיִת אֶחָד יֵאָכֵל** - פירוש: פון דער פסוק 'בבית אחד יאכל' לערנט מען ארויס, אז מען קען טאר נישט צוטיילן די קרבן פסח פאר צוויי חבורות.

לסיכום: רבי יהודה און רבי שמעון קריגן זיך און צוויי זאכן: שיטת רבי יהודה - 1. קרבן פסח נאכל בשתי חבורות, 2. ואסר לאוכל לאכול בשתי מקומות. שיטת רבי שמעון - 1. קרבן פסח אינו נאכל בשתי חבורות, 2. והאוכל יכול לאכול בשתי מקומות.

קומט די גמרא און פרעגט: **במאי קמיפלגי** - סיי רבי יהודה און סיי רבי שמעון ברענגען פסוקים צו מחזק זיין זייער שיטה, איז אין וואס קריגן זיי זיך? ענטפערט די גמרא: **רבי יהודה סבר: יש אם למסורת, ורבי שמעון סבר: יש אם למקרא** - פירוש: די תנאים קריגן זיך צו יש אם למסורת, אדער יש אם למקרא, רבי שמעון האלט אז 'יש אם למקרא' און ער האלט אז דעם וואס שטייט אין פסוק בְּבַיִת אֶחָד 'יֵאָכֵל' ליינט מען ייאכל, דהיינו 'עס זאל אויף געגעסן ווערן', און לפי זה גייט דער פסוק ארויף אויף דער 'קרבן פסח' וואס ווערט אויף געגעסן, און די תורה זאגט אז דער קרבן פסח דארף געגעסן ווערן 'בבית אחד', דהיינו מען מעג עס נישט צוטיילן צו צוויי חבורת. און רבי יהודה האלט אז 'יש אם למסורת' און ער האלט אז דעם וואס שטייט אין פסוק בְּבַיִת אֶחָד 'יֵאָכֵל', ליינט מען יֹאכַל, דהיינו עס גייט ארויף אויף די 'אדם האוכל', און די פסוק זאגט אז בְּבַיִת אֶחָד יֹאכַל, דהיינו דער מענטש דארף עסן די קרבן פסח אויף איין פלאץ און ער מעג נישט עסן די קרבן פסח אויף צוויי פלעצער.

רש"י בפירושו על חומש אויף דער פסוק בְּבַיִת אֶחָד יֵאָכֵל שרייבט: **בבית אחד יאכל - בחבורה אחת, שלא יעשו הנמנין עליו שתי חבורות ויחלקוהו. אתה אומר בחבורה אחת, או אינו אלא בבית אחד כמשמעו, וללמד שאם התחילו והיו אוכלים בחצר וירדו גשמים שלא יכנסו לבית, תלמוד לומר** (פסוק ז) **על הבתים אשר יאכלו אותו בהם, מכאן שהאוכל אוכל בשני מקומות** - דהיינו, רש"י נעהמנט אן שיטת רבי שמעון אז מען זאגט 'יש אם למקרא', אויב אזוי זאגט רבי יהודה בכרך זייער שיין, אז רש"י דא ביי תחש גייט לשיטתו אז מען זאגט 'יש אם למקרא', און למאן דאמר 'יש אם למקרא' קען מען פושט זיין אז דער תחש איז געוועהן א מין חיה, וויל מען זעהט אז נאר א חיה האט איין קרן אזוי ווי מען זעהט ביי די קרש, ווענן דעם שרייבט רש"י אז תחש 'מין חיה.

און דער נמוקי הרי"ב איז מסיים אויף דער תירוץ: **והדברים מאירים ושמחים!**

## תירוצו של הטורי זהב והתורה תמימה – ותירוץ מחודש מהגאון רבי יונתן שטייף זצ"ל

דער **טורי זהב** אין זיין ספר **דברי דוד** על התורה, שרייבט אויף דער רש"י בדרך פשטות: **ומה שכתב רש"י 'מין חיה', הוא על פי המדרש תנחומא דאמר בשם רבי יהודה, ואף על גב דבפרק במה מדליקין אמרינן אומר היה רבי מאיר תחש שהיה בימי משה בריה בפני עצמה היתה, ולא הכריעו בה חכמים אם מין חיה היא או מין בהמה היא, לא שביק רש"י ודאי של רבי יהודה משום ספיקא דרבי מאיר** - פירוש: דער ט"ז ברעגנט א מדרש תנחומא וואס שטייט: **ועורות תחשים רבי יהודה אומר חיה גדולה היתה במדבר ונטלו אותה ועשו אותה יריעות ממנה** - און לפי דער מדרש תנחומא האלט רבי יהודה קלאר אז דער תחש איז געוועהן א מין חיה, איז אפילו די גמרא אין מסכת שבת האט רבי מאיר א ספק צו עס איז געוועהן א מין חיה אדער מין בהמה, אבער וויבאלד רש"י האט געטראפען א שיטה פון א תנא וואס האלט מיט א פשטות אז עס איז געוועהן א מין חיה, שרייבט רש"י דער שיטה וויבאלד 'לא שביק רש"י ודאי של רבי יהודה משום ספיקא דרבי מאיר'.

וכעין זה שרייבט דער בעל **תורה תמימה** (כאן על רש"י, הערה ה), וזה לשונו: **והנה רש"י בפסוק זה כתב תחש מין חיה הוא. ותפסו עליו המפרשים מגמרא שלפנינו שלא הכריעו חכמים אם מין חיה או מין בהמה הוא, ואני תמה, כי הלא בתנחומא איתא מפורש דעת רבי יהודה שמין חיה הוא, וכן בירושלמי כאן בסוגיא איתא בחד גירסא במאמרו של רבי שמעון בן לקיש בשם רבי מאיר דתחש מין חיה הוא. וא"כ לא יפלא איפוא שקבע רש"י על פי הדעות וגירסות אלו** - פירוש: דער תורה תמימה איז מוסיף, אז אין ירושלמי (מסכת שבת, כ, ב - כא, א - מהודרת עוז והדר) זעהט מען אויך מפורש אז דער תחש איז געוועהן א מין חיה, ווענן דעם כאפט אן רש"י אז עס איז מין חיה, אפילו רבי מאיר איז מסופק אין בבלי צו עס איז מין חיה אדער בהמה.

ולסיום וועט מען ברענגען א תירוץ פון די גאון **רבי יונתן שטייף זצ"ל** וואס שרייבט א טרעפליגע פשוט'ע תירוץ צו מיישב שיטת רש"י, וזה לשונו (חדשים וגם ישנים, שבת שם): **ולקושטא יש לומר דעיקר כוונת רש"י שכתב 'מין חיה' הוא לומר שהיא בריית בעל חי, אך אין כוונתו להכריע כאן שהוא אכן מין חיה לאפוקי בהמה, אלא חיה דנקט, רוצה לומר בעל חי** - פירוש: דעס וואס רש"י שרייבט 'מין חיה' מיינט נישט רש"י צו זאגן אז דער תחש איז נישט קיין מין בהמה נאר א מין חיה, נאר רש"י קומט מפרש זיין דער פסוק, און וויל געבען צופארשטיין וואס מיינט 'תחשים' זאגט רש"י אז עס איז א 'מין חיה' דהיינו א בעל חי וואס איז נאר געוועהן לפי שעה. אבער רש"י האט בכלל נישט געמיינט צו פושט זיין דער ספק פון רבי מאיר אין מסכת שבת. והדברים מחודשים.

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com